# יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

היינט 8 זייטען

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 146 | Łódź, Poniedziałek, 26 czerwca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ב׳ תמוז סיון תרצ״ג | № 146

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# נייע כוואליע עקסצעסען
## געגען דער יודישער בעפעלקערונג אין דייטשלאנד

אינסברוק, 25 (ימ״א טעלעגראפיש)

אין דייטשלאנד האט ווידער אויסגעבראכען א נייע כוואליע פון אנטיסעמיטישע עקסצעסען פון די נאצ. סאציאליסטען, אין צוזאמענהאנג מיט דער נייער אקציע געגען די אנדערע פאליטישע פארטייען.

אין בערלין זענען אין משך פון נעכטיגען טאג אויסגעפיהרט געווארען א גאנצע רייה אנפאלען אויף יודישע הייזער, בעזונדער שווידערליך איז געווען דער אנפאל אויפ׳ן יודישען סוחר עריך פרידענבערג, וועמען די היטלעריסטען האבען מערדערליך צושלאגען.

### פוילען ווארט אפ פון דאנציג
#### א פארשלאג מכח דירעקטע אונטערהאנדלונגען

ווארשא, 25 (טעלעפאניש)

אין שייכות מיט דער דעקלאראציע פונ׳ם נייעם פרעזידענט פון דאנציגער סענאט, ד״ר ראושינג, ריכט מען זיך אין די פוילישע רעגירונגס ספערען, אז דאנציג וועט ארויסטרעטען מיט א פראפאזיציע פון דירעקטע אונטערהאנדלונגען וועגען די שטרייט-פראגען.

מצד פוילען איז פארהאן א טענדענץ פון אביעקטיוון בעטראכטען אלע דאנציגער פאר- שלאגען, רעספעקטירענדיג די פרינציפען פון עק- זיסטירענדען רעכטליכען מצב.

### פראנקרייך האלט נישט פון דער לאנדאנער קאנפערענץ

פאריז, 25. (ספ. טעל.) אין די פראנצויזישע פאליטישע קרייזען שאצט מען אפ די 2-וואכענדיגע בעראטונגען אין לאנדאן, אלס נעגאטיווע.

די סטאביליזירונג פון די וואלוטעס איז אפגע- רוקט געווארען אויף אן אומבעשטימטער צייט, און אלע עקאנאמישע פראבלעמען זענען געבליבען הענ- גען אין דער לופט.

אין די פינאנציעלע קרייזען האט מען מורא, אז בקרוב וועט דער פונט זיך ... ריכטן טון נאכ׳ן דאלאר, וואס דאס וועט מיטברענגען נייע פינאנץ- קאמפליקאציעס.

### א שווער ביסען — דאס ליקווידירען דעם „שטאלהעלם" אין פרייסיש-פאמערן

בערלין, 25. (ספ. טעל.) אין פרייסיש- פאמערן טרעפט אן די ליקווידאציע פון שטאל- העלם" אויף ערנסטע שטערונגען.

טראץ דער ביז-איצטיגער לפנים׳דיגער רוהיג- קייט, הערשט דארט א שטארקער פערמענט, וואס דערפיהרט צו אומגעוואונשענע אינצידענטען.

זעלדטע זאל האבען ארויסגעשיקט קיין פאר- מערן דעם קאמענדאנט פון דער שטאלהעלמער פאמערן דעם קאמענדאנט היינעס, בכדי אדורכצו- יוגענד, כדי אדורכצופיהרען אן אויספארשונג.

אויך גערינג זאל האבען ארויסגעשיקט קיין פיהרערן די רעארגאניזאציע פונ׳ם „שטאלהעלם", לויט היטלער׳ס בעפעהלען.

### רעפרעסיעס געגען קאטוילישע גייסטליכע
#### מען צווינגט זיי צוריקציהען זייערע רייד און דערנאך ארעסטירט מען זיי

בערלין, 25. (ספ. טעל.) אין וואלפשטיין (פאלאטינאט) איז דער המון אריין אין דעם צימער־ל פונ׳ם קאטוילישען גלח, ארויסגעשלעפט איהם אויף דער גאס און געצוואונגען איהם אויפ׳ן פלאץ פאר דעם ראטהויז, ער זאל צוריקציהען די ווערטער פון זיין דרשה, וואס זענען געווענדעט געווען געגען היטלערן.

נאך דעם האט מען איהם, אויף א בעפעהל פון א שטורמיסטען-אנפיהרער ארעסטירט.

דערזעלבער גורל האט געטראפען 2 ארטיגע אנפיהרער פונ׳ם „שטאלהעלם".

### רעוואלווער-שאסען צו א יוד. שומר

ירושלים (יט״א) דעם 16-טען יוני ארום האלבע נאכט (ד. ה. כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען ד״ר ארלאזאראוו איז ערמארדעט געווארען אין תל-אביב), ווען דער שומר פון דעם „חשכון"-קבוץ נעבען תל-מאנד, איז אריין צו זיך אין שטוב האבען אונבעקאנטע געגעבען אין זיין ריכטונג 7 שאסען — 5 פון רעוואלווערן און 2 פון א יעגער-ביקס. אלע שאסען האבען פערפעהלט. צומארגענ׳ס פריה האט מען געפונען צוזאמען 10 בוימער פון דעם קבוץ.


טעאטער „סקאלא"
15 שרודמיעסקא 15

היינט צום לעצטען מאל!

וועט דאס לאדזער טעאטער-פובליקום, פריינד, פערעהרער און סימפאטיקער
קומען בעוואונדערן די גרויסע אמעריקאנער סטאר-קינסטלער



לוסי
— און —
מישא
גערמאן



היינט, מאנטאג, 9 אווענד צום לעצטען מאל
אין זייער קרוין-ערפאלג-פיעסע
„מאמע און שוויגער"

אין 3 אקטען פון קאלמאנאוויטש. רעזשי: מ. גערמאן. - לוסי גערמאן אין דער טראגישער ראל „אסתר" - מישא גערמאן אין דער פאטער-ראל „לאזאר"

„מאמע און שוויגער" האט ארויסגערופען שטורם פון בעגייסטערונג!
„מאמע און שוויגער" האט געווירקט ענטוזיאסטיש!
„מאמע און שוויגער" פערכאפט די הערצער פון די צושויער!
„מאמע און שוויגער" דערפיהרט צו פרייד און מיטגעפיהל!
„מאמע און שוויגער" שפיגעלט אפ די ליידען און צער פון א מוטער!
„מאמע און שוויגער" ווייזט די ליבע, טרייסט און וועהטאג פון א מוטער.
„מאמע און שוויגער" ווייזט די אונדאנקבארקייט פון קינדער צו זייער מוטער.
„מאמע און שוויגער" שפילט אויס דעם טיפען שמערץ פון צובראכען מוטער-לעבען.

ס׳נעהמט אנטייל דער גאנצער אנסאמבל.
מיט׳ן ארקעסטער פיהרט אן דוד בייגעלמאן.

פרייזען
פאפולערע
פון 60 גר.
ביז 2.20

אלע זענען גערירט פון פרעכטיגען הארציגען ליד
„א מוטער-הערץ"
מייסטערהאפט געזונגען דורך לוסי גערמאן.

א מאמעס הארץ, א מאמעס הארץ
פון הימעל בלויע פעדעמלאך איז דאס געוועבט,
א מאמעס הארץ, א מאמעס הארץ
פון מלאכים פליגעלעך איז דאס געקלעבט.
ווען א קינד טוט א שניט זיך חלילה,
שניידט דאס דער מאמעס הארץ.
ווען מען שניידט איהר דאס הארץ אויס אפילו,
שווייגט אלץ די מאמעס הארץ.
זי מורמעלט שטיל אין גרעסטען פיין:
קינד, מיר זאל פאר דיר נאר זיין.

בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע פון טעאטער „סקאלא"

